חשוב'ע פּראָדזשעקטט און סעקשאַן 8 איינוואוינער!

ניו יאָרק סיטי האַוזינג אויטאָריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) אַרבעט צוזאַמען מיט דעם דעפּאַרטמענט פֿון האַוזינג און שטאָט אַנטוויקלונג פֿון די פֿאַראייניגטע שטאַטן (U.S. Department of Housing and Urban Development), ניו יאָרק סיטי דעפּאַרטמענט פֿון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (NYC Department of Health and Mental Hygiene), ניו יאָר סיטי עמערדזשענסי פֿאַרוואַלטונג (New York City Emergency Management), און אַנדערע סיטי, סטעיט און פֿעדעראַלע שותּפֿים צו באַאָבאַכטן דעם קאָראָנאַ ווירוס (COVID-19) אין ניו יאָרק סיטי און וויאַזוי עס קען באַווירקן די זיכערהייט און וואוילזיין פֿון אונזערע איינוואוינער און אָנגעשטעלטע.

נעבטן האָט מעיאָר ביל דעבלאַזיאָ געמאָלדן אַ מצב פֿון עמערדזשענסי אין ניו יאָרק סיטי, און מיר ווילן אייך לאָזן וויסן איבער אייניגע מאַסנאַמען וואָס מיר האָבן אונטערגענומען כדי צו העלפֿן אייך אָפּצוהיטן, לינדערן פֿינאַנציעלע שוועריגקייטן און אָפּצושטעלן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון COVID-19.

- NYCHA אָנגעשטעלטע רייניגן טעגליך עפֿטער דורכאויס אונזערע דעוועלאָפּמענטס, מיט'ן באַזונדערן דגש אויף ערטער וואו אַסך מענטשן דרייען זיך און אָפֿט־באַרירטע פֿלאַכן, אַריינגערעכנט געביידע אַריינגאַנג טירן, עלעוועיטאָר קאָנטראָלן, פּאָסט קעסטלעך און מיסט אַרפּאָלאָז טירלעך.  מיר נוצן סיי NYCHA אייגענע קעירטעיקערס און סיי קלינינג סערוויסעס פֿירמעס.
- מיר האָבן פֿאַרזיכערט אַן אויסערע פֿירמע דורכצופֿירן גרונטליך רייניגן אין סעניאָר דעוועלאָפּמענטס און אַנדערע קאַמפּוסן וואָס קענען זיין אַפֿעקטירט פֿון COVID-19.  די פֿירמע נוצט אַ פּראָצעס וואָס באַשטייט פֿון צוויי שריט. דאָס שליסט איין גרונטליך רייניגן און אַ ביאָ/עקאָ־פֿריינדליבע שוץ־שיכטע וואָס הרגעט דזשערמס איידער זיי קלעפּן זיך צו צום אייבערפֿלאַך און וואָס דויערט טיפּיש במשך 90 טעג.  אַלס אַ פֿאָרזיכט מאַסנאַמע וועט די פֿירמע דורכפֿירן דעם פּראָצעס יעדע 30 טעג.   די פֿירמע האָט אָנגעפֿאַנגען רייניגן מיטוואָך, דעם 11 מאַרץ.
- פֿון דעם מאָמענט האָבן מיר סוספּענדירט אַלע פּלאַנירטע אויסלעשן ביז מען וועט אַנדערש מעלדן.
- מיר האַלטן אָפּ עוויקשאַנס פֿון איינוואוינער ווילאַנג די סיטי געפֿינט זיך אין אַ מצב פֿון עמערדזשענסי.
- לויט NYCHA'ס עקזיסטירנדע רענט אין שווערע צייטן פּאָליסי מונטערן מיר הויזגעזינדן וואָס ליַידן אַ פֿאַרלוסט פֿון פּרנסה צו פֿאַרלאַנגען אַן אינטערים רעסערטיפֿיקאַציע (Interim Recertification) פֿאַר סיי וועלכע רעדוקציע פֿון פּרנסה וואָס וועט דויערן מער ווי צוויי חדשים. ביטע גייט צום NYCHA זעלבסט־סערוויס פּאָרטאַל (Self-Service Portal) אויף [https://selfserve.nycha.info](https://selfserve.nycha.info) אָדער בעט אַ פּאַפּירענע פֿאָרעם פֿון אייער פּראָפּערטי מענעדזשמענט אָפֿיס.
- NYCHA'ס אַדמיניסטראַטיווע הירינג אָפֿיס לייגט אָפּ אַלע קעיסעס במשך צוויי וואָכן, ווען מיר וועלן קוקן איבער די הירינג סקעדזשול צו באַשטעטיגן צי דער אָפּלייג זאָל פֿאַרלענגערט ווערן.
- מיר לייגן אָפּ עפֿענטליבע פנים־אל־פּנים באַגעגענישן און געשעענישן אין NYCHA אָפֿיסעס און דעוועלאָפּמענטס במשך 30 טעג.
- מיר פֿאַרמאַכן דעם ברוקלין און בראָנקס קאַסטומער קאָנטאַקט גיי־אַריין צענטערס צום ציבור פֿון מאָנטאָג.

בשעת מיר נעמען די וויכטיגע און פּראָאַקטיווע שריט אָפּצוהיטן די זיכערקייט פֿון אונזערע NYCHA קאָמיוניטיס, מונטערן מיר איינוואוינער אויך צו נוצן די אויטאָריטעט'ס אַויטימאַטיזירטע און אָנליין סיסטעמען כדי דורכצופֿירן טראַנסאַקציעס, אַריינגערעכנט MyNYCHA, דעם זעלבסט־סערוויס פּאָרטאַל און קיאָסקן.  באַזוכט [on.nyc.gov/mynycha](on.nyc.gov/mynycha) אַראָפּצולאָדן דעם MyNYCHA עפּ.

מיר וועלן פֿאָרזעצן אייך צו געבן אַפּדעיטס איבער COVID-19 לויט ווי זיי קומען פֿאָר. אויב איר האָט פֿראַגעס אָדער זאָרגן, ביטע רופֿט דעם CCC אויף .718-707-7771

פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע איבער COVID-19 באַזוכט nyc.gov/coronavirus.